**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 2/24/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנער האוקול אנאנסירט געווינער פון ׳נעמט אייער איינשפריץ פאר א אפנלופטיגע אוואנטורע׳ קאָוויד-19 וואקסין באלוינונג סוויפסטעיקס**

***436 ניו יארקער איינגעשריבן אין גורל נאכ׳ן באקומען ערשטע קאָוויד-19 וואקסין דאזע אין דעצעמבער 2021***

***גרענד פרייזעס רעכענען אריין אפציע פון לעבנסלאנגער פישכאפן און געיעג לייסענסער און דעלאָקס געצייג פעקעדזשעס***

***אלע איינגעשריבענע באקומען א בוים פלאנצלינג, געשאנק קארטל, און איין-יעריגע סובסקריפשען צו ׳קאנסערוועישעניסט׳ מאגאזין***

גאווערנער האוקול האט היינט אויסגעמאלדן די געווינער פון דעם ׳נעמט אייער איינשפריץ פאר אן אפנלופטיגע אוואנטורע׳ סוויפסטעיקס. דער קאָוויד-19 וואקסין באלוינונג ראפעל איינגעפירט פאריגעס יאר האט געהאלפן אונטערהייבן וואקסינאציע ראטעס צווישן ניו יארקער וועלכע שפירן א פארגעניגן מיט די גרויסע אפנלופטיגקייט מיט באלוינונג פעקלעך געאייגנט צו פישכאפער, יעגער און אנדערע אפנלופטיגקייט-ליבהאבער. א סך הכל פון 436 ניו יארקער האבן אנטיילגענומען אין דעם סוויפסטעיקס.

״ניו יארקער וועלכע האבן זיך וואקסינירט כדי צו באשיצן זיך און אנדערע דורכאויס דער קאָוויד-19 פאנדעמיע זאלן זיין גאר שטאלץ מיט אונזערע פארשריטן.״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״דאס צולייגן הונדערטער מענטשן צו אונזער שוין פון פריער איינדרוקספולע פראצענט פון וואקסינירטע מענטשן איז א געווינס פאר׳ן גאנצן סטעיט און די פאנטאסטישע באלוינונגען צו די גליקליכע געווינער איז א צוגעלייגטע באנוס. דער וואקסין איז אונזער בעסטער וואפן צו באקעמפן דער פאנדעמיע, און ווי מער ניו יארקער וואקסינירן זיך, אלס שנעלער וועלן מיר קענען פארזעצן אונזער וועג צו ערהוילונג.״

**סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראנמענטאלע אפהיט (DEC) קאמיסיאנער באסיל סעגאוס האט געזאגט,** ״גאווערנער קעטי האוקול איז לעיסער-פאקוסירט אויף צו אדרעסירן דער קאָוויד-19 פאנדעמיע און באשיצן די געזונט פון אונזערע קאמיוניטיס. DEC שטאלצירט זיך צו טון אונזער חלק צו מוטיגן מענטשן זיך צו וואקסינירן מיט אונזער ׳נעמט אייער איינשפריץ פאר א אפנלופטיגע אוואנטורע׳ סוויפסטעיקס, געאייגנט ספעציפיש צו אפעלירן צו יעדע ליבהאבער פון אפן-לופטיגע פארוויילונג. מיט מער וואקסינירטע אוואנטורער, קוקן מיר ארויס צו זען מער באזוכער וועלכע קערן זיך אום צו ניו יארק׳ס נאטורליכע אוצרות יאר נאך יאר.״

גרענד פרייז געווינער פון די דעלאָקס פעקעדזשעס האבן אויסגעוועהלט פון פעקעדזשעס אפגעשאצט אויף אומגעפער 2,000 דאלער. גרענד פרייז געווינער זענען:

- לאורא עם. פון דזשענעסי קאונטי האט אויסגעקליבן דעם זיסוואסער פישכאפן פרייז פעקל, וועלכס אנטהאלט א לעבנסלאנגעזיסוואסער פישכאפן לייסענס, פישכאפן קאַיאַק, וועסטל, פישכאפן שטאנג און אריינצי דרענגל;
- ראבערט טי. פון טשעמונג קאונטי האט אויסגעקליבן דעם בויגן-גֿעיעג פרייז פעקעדזש, אריינגערעכנט א לעבנסלאנגע הויכע קוואליטעט בויגן-גֿעיעג לייסענס, הויכע קוואליטעט קראָסבאָו פעקל אדער קאמבינירטע בויגן-פעקל מיט א האלב טוץ באָלטס אדער פיילן, לייטערבוים שטאנד, זיכערהייט געשפאן / אראפפאל פארמיידונג סיסטעם, און 42x10 שפאקטיוון;
- רייען דאַבליו. פון אנאנדאגא קאונטי האט אויסגעקליבן די טורקי געיעג פרייז פעקל, וועלכס אנטהאלט א לעבנסלאנגע ספארטלער לייסענס, הויכע קוואליטעט ערד בלינדער, טורקי געיעג וועסטל, הינדל פארשטעלונג פאַר, שאַטגאַן אפטישע שפאקטיוו, סלעיט רוף, און 42x10 שפאקטיוון; און
- גרעידאן בי. פון אנטעריאו קאונטי, און פאול טי. פון דוטשעס קאונטי, האבן ביידע אויסגעקליבן דעם ביקס יעגער פרייז פעקל. יעדע פון די וועלן באקומען א לעבנסלאנגע ספארטלער לייסענס, הויכע קוואליטעט ביקס-שפאקטיוו, לייטער בוים שטאנד, זיכערהייט הארנעס / אראפפאל פארמיידן סיסטעם, און 42x10 שפאקטיוון.

פינף און צוואנציג איינגעשריבענע וועלן באקומען זייער אויסוואל פון צווייטע שיכט פרייזן אפגעשאצט אויף אומגעפער 1,000 דאלער, אריינגערעכנט:

- פישכאפעריי: יערליכע זיסוואסער פישכאפעריי לייסענס, פישכאפעריי קאַיאַק, וועסטל, שטאנג, און אריינצי דרענגל;
- בויגן-יעגער: לעבנסלאנגע געיעג און בויגן-געיעג לייסענס, הויכע קוואליטעט קראָסבאָו אדער קאמבינירט בויגן-פעקלעך מיט א האלב טוץ באָלטס אדער פיילן, א לייטער בוים שטאנד, א זיכערהייט געשפאן / אראפפאל פארמיידונג סיסטעם, און 42x8 שפאקטיוון;
- רייפלהאָנטער: יערליכע געיעג לייסענס, הויכע קוואליטעט רייפל-שפאקטיוו, א לייטער בוים שטאנד, א סעיפטי הארנעס / אראפפאל פארמיידן סיסטעם, און 42x8 שפאקטיוון:
- אינדיג געיעג: יערליכע געיעג לייסענס און אינדיג פערמיט, הויכע-קוואליטעט ערד בלינד, אינדיג געיעג וועסטל, פאלשע הינדל, און 42x8 שפאקטיוון; און
- פויגלער: 8x42 שפאקטיוון, פויגל שפייזער, פויגל זוימען און 'איי בירד NY

אלע איינגעשריבענע וועלן אלע באקומען א בוים פלאנצלינג פון DEC׳ס קאלאנעל וויליאם עף. פאקס דענקמאל בוימער-שול אין סאראטאגע און זייער אויסוואל פון א 25-דאלערדיגע געשאנק קארטל פאר אן אומזיסטע נאכט קעמפינג ביי א DEC קעמפינג ארט אדער א 25-דאלערדיגע געשאנק קארטל צו א גרויסער ספארטווארג געשעפט. אין צוגאב וועלן אלע סוויפסטעיקס איינגעשריבענע באקומען אן איין-יעריגע סובסקריפשען צו DEC׳ס *׳קאנסערוועישעניסט׳* מאגאזין, וועלכס [פייערט יעצט איר 75׳סטע יאר](#) פון פובליקאציע.

בעפאר דאס באקומען א געיעג לייסענס און סיי וועלכע פארבינדענע פריווילעגיע (ווי צ.ב.ש. בויגן-געיעג פריווילעגיע), מוז דער באקומער דורכגיין א גאנצע געיעג בילדונג קורס און בויגן-געיעג בילדונג קורס (אין דעם פאל פון דעם בויגן-יעגער פרייז פעקעדזש) און פרעזענטירן סערטיפיקאטן פון דאס האבן דורכגעגאנגען. אלע בארעכטיגטע, וואקסינירטע איינגעשריבענע מוזן נאכפאלגן אלע אנווענדליכע פאדערונגען צו באקומען א געיעג אדער פישכאפן לייסענס אין ניו יארק סטעיט, אריינגערעכנט דורכגיין געפאדערטע יעגער בילדונג קורסן און אנדערע תקנות. פאר מער אינפארמאציע איבער געיעג און זיסוואסער פישכאפעריי לייסענס,

באזוכט https://www.dec.ny.gov/permits/6094.html and https://www.dec.ny.gov/permits/6091.html.

**וואקסין צוטריטליכקייט:**
יעדער איינער העכער פינף יאר אין עלטער וועלכער וואוינט אין די פאראייניגטע שטאטן זענען בארעכטיגט צו באקומען דעם וואקסין. ניו יארקער זאלן ווייטער טראגן א מאסקע ווי פאסיג און נאכפאלגן אלע אנדערע געזונטהייט אנווייזונגען. FDA פאקטן בלעטלעך פאר באקומער און באהאנדלונג-באזארגער אויף יעדע וואקסין זענען צו באקומען: פייזער-בייאָוענטעק/קאמינארטי; מאָדערנא; דזשאנסאן ענד דזשאנסאן. קאָוויד וואקסינען זענען ברייט פאראן צו באקומען ביי פארמאסיס, ארטיגע געזונטהייט דעפארטמענטס, קליניקס, פעדעראל קוואליפיצירנדע העלט צענטערס און אנדערע לאקאציעס לענגאויס דעם סטעיט. באזוכט vaccines.gov צו געפונען אפוינטמענטס נעבן אייך אדער זיך פארבינדן מיט אייער ארטיגע פארמאסי אדער באזארגער.

צו באשטעלן אן אפוינטמענט דירעקט ביי א ניו יארק סטעיט-אנגעפירטע ארט, גייט צום ניו יארק סטעיט׳ס וואקסין סקעדזשולער און פאלגט נאך די אנווייזונגען. אריינגייער אפוינטמענטס ווערן אויך אנגענומען ביי ניו יארק סטעיט מאסן וואקסינירונג פלעצער פאר אלע בארעכטיגטע פערזאנען.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך אויסשרייבן